NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11932

YULYAN TUVIM FAR KINDER

Julian Tuwim

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוליאַן טוווים פאַר קינדער

יוליאַן טוּווים פאַר קינדער

ייִדיש: ל. אָליצקי

צום דיכטערס ערשטן יאָרצײַט

פאַרלאַג „ייִדיש בוך"

וואַרשע 1954

Redaktor: D. SFARD

רעדאַקטאָר: ד. ספאַרד

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 2096. Nakład 5,500 egz. Druk ukończono w grudniu 1954 r.
Ark. druk. 4,12. Ark. wydawn. 2. Papier dzieł. V kl. 70 × 100 cm, 80 g.
Druk RSW „Prasa“, Warszawa, Tarczyńska 8. 5-B-55371





אַ בריוו פונעם איבערזעצער
צו די קינדער
פון דער מעלוכישער יידישער שול אין פוילן

טייערע קינדער

נישט איין מאָל, זייענדיק צו גאסט ביי אייך אין שול, האָבן אייערע לערער און נישט איינער פון אייך אליין געהאַט צו מיר א טיינע, פאַר־וואָס איך שרייב נישט עפּעס פאַר די קינדער. איך האָב צוגעזאָגט דאָס צו טאָן. און אַז מע זאָגט צו, מוז מען האַלטן וואָרט! האָב איך מיר גענומען צייט און איבערגעזעצט פאַר אייך אַט דאָס ביכל. און כאָטש איך ווייס, אַז דעם דיכטער טוווימס לידער, וועלכע איר האָט אַזוי ליב, זענען אייך גענוג באַקאַנט אויף פויליש, מיין איך, אַז איר וועט פונדעסטוועגן צופרידן זיין צו קאָנען זיי לייענען און דעקלאַמירן אויך אויף יידיש. כוץ דעם האָב איך אַ טראַכט געטאָן אויך וועגן די יידישע קינדער פון אַנדערע לענדער, וועלכע קאָנען קיין פויליש נישט לייענען — זאָלן זיי אויך קאָנען געניסן פון די שיינע, שפּילעוודיקע און האַרציקע לידער פון אונדזער גרויסן דיכטער יוליאַן טוווים.

איר ווייסט, ליבע קינדער, אַז קיין ארבעט קומט נישט לייכט אָן. אויך מיר איז די אַרבעט פון איבערזעצן נישט לייכט אָנגעקומען. אָבער איצטער, ווען זי איז שוין אַ פאַרענדיקטע, בין איך זייער צופרידן און בין אייך זייער דאַנקבאַר, וואָס איר האָט ביי מיר די דאָזיקע ארבעט געמאָנט. ווי א צייכן פון מיין דאַנקבאַרקייט פאַר אייך טראָג איך אייך אונטער דאָס דאָזיקע ביכל אַ מאַטאָנע.

זייט געגריסט און גיט איבער די פריינדלעכסטע
גרוסן אייערע כאַשעווע עלטערן און לערער
פון לערער און שרייבער

ל. אָ ל י צ ק י

וואַרשע. 1954

אַלע פֿאַר אַלעמען

דער מויערער מויערט הייזער,
דער שניידער נייט פּאַר באַלוינונג,
נאָר ווו וואָלט ער קאָנען נייען,
ווען ער האָט נישט קיין וווינונג?

נאָר אויך די מויערער דעמלט
ערשט צו דער אַרבעט גייען,
ווען די שניידער זיי מיט הויזן
און מיט פאַרטעכער באַנייען.

דער בעקער דאַרף האָבן שטיוול,
איז מוז ער צום שוסטער קומען,
ווען נישט אָבער דער בעקער, ווו זשע
וואָלט דער שוסטער ברויט גענומען?

אַזוי אַז צום נוץ פֿון אַלע
און לעטוויוועס אַלע ווען
מוזן אַלע אַרבעטן,
בײַנע קליינע קאָלעגן.

אַ טיש

אין וואַלד איז געוואַקסן אַ מעכטיקער בוים,
אַ שטאַרקער, אַ שטאַלטנער, אַ ריז אינעם רוים.

איז קומען זיך וואַלדהעקער איינמאָל אין וואַלד
און זעגן אים, האַרוועו, ביז וואַנען ער פֿאַלט.

דערנאָך האָבן פֿערד אים צום טאַרטאַק געפֿירט,
דערהיצט זיך, דערשוויצט זיך, אַז קוים זיך מע רירט.

דאָרט האָבן די זעגן מיט וואָרטש און געוויין
אויף אים זיך געשטומפּיקט די שטאָלענע ציין.

די ראַציקע ברעטער געקויפֿט האָט פֿון סקלאַד
דער וואַרשעווער סטאָליער אווראָם לימאַנאַד.

ער איז נישט קיין מייסטער קיין ליאַדע. ער האָט
גענומען אַ זעג און אַ העבל, אַ דלאָט,

געמאָסטן, געהעבלט, געפּאַסט און געקלייט,
צוזאַמענגעקלאַפּט און — אַ טיש פֿאַר אים שטייט.

ווי פֿיל מ'האָט געהאַרוועט און שאָען פֿאַרבראַכט —
ס'זאָל ווערן אַן אייניציקער טיש בלויז געמאַכט.

דער לאָקאָמאָטיוו

שטייט זיך אַ לאָקאָמאָטיוו לעם דער סטאַציע,
וואָגיק און ריזיק, שווייס פון אים קאַפּעט —
פּעטע אָליווע.
שטייט זיך און סאַפּעט, אָטעמט און פּוכעט,
זשאַר פון דערהיצטן בויך זיינעם בוכעט:

ב ו ך, ווי ס'איז הייס מיר!
א ו ך, ווי ס'איז הייס מיר!
פ ו ף, ווי ס'איז הייס מיר!
א ו ף, ווי ס'איז הייס מיר!

ער סאַפּעט קוים שוין, ער זשיפּיעט קוים שוין,
און אַלץ שיט אונטער דער הייצער קוילן.

מע טשעפּעט צו וואַגאָנען — שנעל באַוויזן! —
גרויסע און שווערע פון שטאָל און אייזן,

אַיעדער איינער מיט מענטשן פול איז,
אין איינעם פערד און אין צווייטן ביימעס,

אין דריטן ליטער פּוזאַקעס זיצן,
עסן פעטן קאַלבאַס, און זיי שוויצן,

דער פֿערטער אָנגעשטאָפּט מיט באַנאַנעס,
אין פֿינפֿטן שטייען זעקס פּאָרטעפּיאַנעס,

אַ האַרמאַט אינעם זעקסטן — כ׳וועל אייך ווייזן!
אונטער יעדער ראָד אַ שטאַבע אייזן!

אין זיבעטן דעמבענע טישן, שאַפֿעס,
אין אַכטן אַ העלפֿאַנט, צוויי זשיראַפֿעס,

אין נײַנטן סאַמע געשטאָפּטע שווײַנען,
אין צענטן קופֿערטעס, קאַסטנס ווײַנען,

וואַגאָנען פֿערציק פֿאַראַן אַזעלכע,
כ׳ווייס נישט אַליין, וואָס נאָך ס׳איז אין וועלכן.

נאָר ס׳מעגן קומען טויזנט אַטלעטן
און אויפֿעסן צו טויזנט קאָטלעטן,
און יעדער זאָל זיך כ׳ווייס נישט ווי מיִען, —
וועלן זיי אָט די מאַסע נישט ציִען!

פֿלוצעם — סוויסטש!

פֿלוצעם — פֿײַף!

פֿאַרע — בוך!

רעדער — ריר!

טבילעם,

אַוויווי

אַ

שילדקרויט,

פֿאַוואַליע

שלעפּט ער,
פֿאַרשלאָפֿן,
פֿוילבלעך,
די קאָליע,
אַ שאַרפֿע געטאָן די וואַגאָנעס און שלעפּט זיי
מיט מאַטער, און ס'דרייען זיך רעדער נאָך רעדער,
ער איילט זיך צו לויפֿן און שנעלער אַלץ יאָגט זיך,
און הילעכט, האַרמידערט, און טראַסקעט, און טראָגט זיך
ווהין דאָס? גלייכוים מיטן בליק!
מיטן פֿלאַנט, מיטן פֿלאַנט, מיטן פֿלאַנט, אויפֿן בריק,
דורך בערג, וואַלד און פֿעלד, דורך טונעלן אין ווייט,
און איילט זיך, און איילט זיך, צו זיין צו דער צייט,
ער טראַכעט, ער הילעכט, ער טראַסקעט צום טאַקט:
טאַק־טאַ, טאַקטאַק־טאַ, טאַקטאַק־טאַ, טאַקטאַק־טאַ,
ער לויפֿט אַזוי גלאַט, אַזוי ווייך אין דער ווייט: —
אַ פֿילקע — ווי נישט פֿון קיין שטאָל זאָל ער זיין,
אַ הייסע מאַשין אַ פֿאַרסאַפּעטע, נאָר —
אַ שפּילכל, אַ מילכל אַ בלעכנס, און גאָר.

פֿונוואַנען זשע טראָגט עס אים, טראָגט אים און טראָגט?
און וואָס, און פֿאַרוואָס אַזוי שטופּט אים און יאָגט
צו דראָליעווען, וואַליען און בוכען אַ שרעק?
דאָס האָט אים די פּאַרע די הייסע באַוועגט,
וואָס זעצט פֿונעם קעסל דורך רערנע וועגן
צו קאָלבנס, די קאָלבנס די רעדער באַוועגן
און טרייבן, און שטופּן די קאָליע צום לויפֿן,
סע שטויסן און שטויסן די קאָלבעס אָן אויפֿהער,
און ס'קנאַלן די רעדער, און ס'קלאַפּט, און סע קנאַקט:
טאַק־טאַ, טאַקטאַק־טאַ, טאַקטאַק־טאַ, טאַקטאַק־טאַ!...

אַ שנאָל

שטעקט אין וואַנט אַזאַ מין שנעלכל,
אַן עלעקטריש שנעלכל־העלכל,
מיטן שנעלכל טוסט אַ פּיק,
שיינט עס אויף אין אויגנבליק.

זייער לייכט:
שנאָל — און ס'לייכט!

טוסטו נאָך אַ שנעלכל — אויס!
ס'איז אַ פינצטערניש דורכויס.

שנאָלסטו נאָך אַ דריט מאָל — ציק!
צאַפּלט אויף די שיין אין בליק.
סאַראַ קראַפט, געהיים און וויכטיק,
ס'האָט דער קונדעס אין דער וואַנט!

ליכטיק — פינצטער,
פינצטער — ליכטיק.

ווער זשע איז דער שנאָל דער בראַנד?
צי אַ פאַלשפּלעמל אָן האַפּט?
ווי אַריין? פון וועלכן קאַנט?
ס'איז אַ דורכפירער פון קראַפט.

דראָט, און אינעם דראָט אַ ש ט ר אָ ם,
טוסט אַ שנאָל, דעם ש ט ר אָ ם שליסט איין!
אַן עלעקטרע־שנעלער ש ט ר אָ ם!

איז דערפון די שיין?
דערפון די שיין!

באַמבאַלע

באַמבאַלע, דאָס שוואַרצע נעגערל דאָס קליינע,
אונדזער כאַווער, וווינט אין אַפריקע דעם שיינעם.

לערנט יעדן מאָרגן פלייסיק, זיך געניט
אינעם נעגריש ביכל זיינעם „ערשטע טריט".

פון דער שול אַהיימגעקומען, נעמט ער איילן
צו זיין אַרבעט — וויוועו, שטיפן, זיך פאַרווײַלן.

ביז סע שרייט די מאַמע: „לאָבוז, הער שוין אויף!" —
בלאָזט ער אָן דאָס שוואַרצע פּיסקל און אַנטלויפט.

„באַמבאַלע! — די מאַמע רופט אים — קום זיך באָדן".
האָט ער מוירע: „כ'קאָן נאָך ווערן ווייס!" ס'אַ שאָד אים.

נאָר עס האָט איר זונעלע די מאַמע האָלט —
ס'איז דאָס נעגערל אַ יינגעלע אַ גאָלד.

ס'איז אַ שאָד, וואָס באַמבאַלע וווינט ווייט פונדאַנען,
און ער לערנט נישט אין שול מיט אונדז צוזאַמען.

דאָס שפּרינגשטריקל

„ס'איז די ציג אויף ווענט געקראָכן,
האָט זי זיך די פיס צעבראָכן”.
עמעס!

אָבער אויב קיין שפּרונג נישט געבן,
וואָלט פאַראומערט זיין איר לעבן.
עמעס?

שטיפעריי איז איינגענומען,
אָן דעם — וואָס וואָלט זיך באַקומען?
לאַנגווייל, פּיין...

כאָטש ביסט ווינען איצט געצוווּנגען,
שפּעטער נאָכאַמאָל געשפּרונגען!
אַנדערש קאָן נישט זיין!

ווען די גרויסע וועלן וועלן
דיר די ציג אַלס ביישפּיל שטעלן:
„זיי זשע, קינד, געצאַמט” —
זאָלסטו העפלעך הערכן, שווייגן,
און דערנאָך זיי איבערצייגן
פּאַשעט, אומגעראַמט:

„און איך קאָן עפּשער אַ צוואַנציק אַנדערע ציגעלעך,
וואָס האָבן געשפּרונגען פון אינדערפרי ביז ביינאַכט, און
זענען געזונט און פריילעך, און ס'איז זיי גאָרנישט נישט
געשען, און זיי שפּרינגען ווייטער! דער עיקר איז, נישט
שרעקן זיך! שפּרינגען אַזוי, סע זאָל גאָרנישט נישט געשען!
וואָרן אויב אַנדערש, וואָס פאַר אַ לעבן וואָלט עס געווען?
עמעס?" און שפּרינג וויפל סע גלוסט זיך דיר. זאָלן די
גרויסע זען, ווי דאָס ווערט געטאָן.

אַ בריוו צו די קינדער

ליבע קינדער! מיט דעם בריוול
כ'קום אײַך בעטן, זאָגן:
וואַשט זיך יעדן טאָג, ווײַל כ'קאָן נישט
שמוציקע פאַרטראָגן.

צי בײַם ברונעם, בײַ דער שיסל,
צי צום טײַך שפּאַצירן,
נאָר — זיך וואַשן! ווײַל כ'קאָן קומען
זעלבסט אײַך קאָנטראָלירן.

וואַשט זיך, קינדער, וואַשט זיך זויבער,
יינגלעך, מיידלעך, פּוצט זיך,
ווײַל אויב נישט, איך וועל אײַך רופן
באַזוערלעך פאַרשמוצטע!

זייפט זיך, רײַבט מיט שוואָם און בערשטל,
ביז צו ווערן לויטער!
זויבער זײַט!

מיט דערעכערעץ
פון דעם ביבעלע דער אויטאָר

גאָרטנוואַרג

עס האָט געלייגט די קעכין אויפן טיש
פֿאַרשידן גאָרטנוואַרג, אַ גאַנץ געמיש:
קאַרטאָפליעס,
בוריקעס,
און מייערן,
און באָב,
סעלעריע,
אַרבעס,
פּיעטרישקע
און קרויט אַ קאָפּ.

אָך־אָך!
הייבט אָן זיך צווישן זיי אַ קאָך,
מע קריגט זיך און מע רייסט זיך,
און יעדערער באַווייזט זיך:
ווער גרעסער איז, ווער קלענער,
ווער גראַבער און ווער שענער:
די בוריקעס,
צי די קאַרטאָפליעס?
די מייערן,
צי גאָר דער באָב?

די אַרבעס?
די סעלעריע?
די פּיעטרישקע,
צי גאָר דער קרויטן־קאָפּ?

אַך־אַך!
זיך אָנגעשריגן גאָר אַסאַך,
אַ שרעק!

די קעכין טוט אַ נעם דאָס מעסער —
אַ האַק, אַ סאָפּ, אַן עק!
צעשניידט, צעהאַקט:
די קאַרטאָפליעס,
די בוריקעס,
די מייערן,
דעם באָב,
די אַרבעס,
די סעלעריע,
די פּיעטרישקע,
דעם קרויטן־קאָפּ —
און אַלץ אין טאָפּ!

דער ריטער שרײַמאַן

קוקט אָן נאָר סאַראַ מינעס
דער ריטער שרײַמאַן מאַכט!
ער האָט געכאַפּט אַנומלט
אַ טאָטער אין דער שלאַכט.

„הוראַ! — האָט ער געשריגן —
כ'בין מוטיק, בראַוו! קוקט אָן —
דער סוינע איז געפאַנגען!
כ'האָב אויסגעשפּילט דעם קאָן!

איך האָב אָן שרעק מיט וואָפן
זיך קעגן אים געשטעלט!
הוראַ! אין דער מילכאָמע
בין איך דער ערשטער העלד!

ווער קאָן זיך מיט מיר גלײַכן
אַצינדערט נאָך דעם פאַל?
דער קעניג זעלבסט זאָל ברענגען
מיר אָנטאָן אַ מעדאַל!

פֿאַר מיר דער גאָרער קאָווער!
פֿאַר מיר די ליוב, דער רום!
איך האָב געכאַפּט: אַ טאָטער!
האַרמאַטן דריי דערצו!"

איז שרייט מען צו אים: „ברענג אים,
דעם טאָטער, ווי אַ האָפּ!"
און ריטער שרייט׳מאַן: „כ׳קאָן נישט,
ער האַלט מיר פֿאַרן קאָפּ!"

שיינדל—אַליינדל

פּאַראַן אַזאַ איינע אַ שיינדל,
מע רופט זי שיינדל־אַליינדל,
ווייל אַלץ:
„איך אַליין! איך אַליין!"
אַ דאַמע אַ וואַזשנע! וואָס, ניין?!

זי אַליין צום בעסטן ווייסט אַלץ, קאָן,
אַלץ אַליין, אַליין נאָר וויל זי טאָן.
וואָס באַדאַרף זי איר די שול, די מאַמע!
זי אַליין, אַליין איז סאַמע־סאַמע!

ס'איז פול איר קאָפּ מיט קלוגשאַפט ביזן ראַנד,
איז פעלט איר נאָך פאַרשטאַנד?
זי וויל נישט לערנען, האָרכן און פאַרשטיין:
צו וואָס? אַז אַלץ זי קאָן אַליין, אַליין!

און פרעגט מען שיינדלען:
— טו אַ טראַכט,
וויפל צוויי און צוויי איז?
— אַכט!
— ווייסטו, ווער קאָפּערניק איז?

— אַ קעניג, אַלץ!

— וואָס קריגן מיר פון שלעזיע?

— זאַלץ!

— און ווו ליגט קראָקע?

— ווו די ווארטע פליסט פאַרביי!

— און לערנען דארף מען?

— נישט קעדאי!

ווייל כ'קאָן אַלצדינג אַליין, אַליין
דעם פרישטיק עסן זייער שיין,
אַן אויטאָ אויך אַליין זיך מאַכן,
אַן אייצע געבן זיך מיט אַלע זאַכן!

צו וואָס זיך לערנען, פראַגעס שטעלן?
צו וואָס דאָס לייענען און קנעלן?
דעם קאָפ זיך ברעכן צו פאַרשטיין,
ווען אַלץ איך קאָן אַליין, אַליין!

— כאַכאַמע! און נאָך נאַרישקייט צו וועמען זאָל מען גיין?

— צו מיר אַליין!

גאַבריש

גאַבריש איז אַ טאַמעוואַטע. ער פֿאַרגעסט נישט אָבער
צו צעברעקלען פֿאַר די פֿערד אין שטאַל דעם האַרטן האָבער.

וואַסער שעפּט ער מיט אַ זיפּ און לערנט פֿליען פֿליגן,
בעט דעם שמיד, ער זאָל אים אונטערקאָווען זיינע ציגן.

ביים אַ רעגן מיט דעם היטל בלומען דעקט ער איבער,
ציילט אין פֿלויט די לעבער, ברענהאָלץ טראָגט צום וואַלד אַריבער.

ווינטער בויט ער זיך פֿון אייז אַ שטיבל פֿאַר דער כאַטע:
— וועל איך זומער האָבן, — זאָגט ער — שוין אַ וווינונג, טאַטע.

ברענט די זון אים, נעמט ער האַסטיק בלאָזן אויף איר פֿלאַקער,
און ווען ס'טוט אַ פֿליג אַ ביס אים, כאַפּט זיך צו דער האַק ער.

— די לעוואָנע, — פֿרעגט ער — וועסטו פֿאַר מיר קויפֿן, טאַטע? —
אַט אַזאַ איז גאַבריש. סאַראַ? נו, אַ טאַמעוואַטע.

גייט זיך טשמאַיע

גייט זיך טשמאַיע
דורכן דערפֿל,
זאַמד אַ זעקל טראָגט ער.
דורך אַ לעכל,
פֿילט ער, טשמאַיע,
שיט די זאַמד זיך, — זאָגט ער:

„שיט זיך, שיט זיך,
וועט מיר ווערן לייכטער!"
זעט, דער שוטע קוועלט דאָך.
אין דער היים ער
טאַפּט דאָס זעקל:
ווו די זאַמד? זי פֿעלט דאָך!

גייט צוריק ער
דורכן דערפֿל,
קלייבט די זאַמד צוביסלעך,
און פּאַמעלעך,
און פּאַוואָליע
קלייבט זיך אָן אַ שיסל.

גייט זיך טשמאַיע
דורכן דערפל,
זאַמד אַ זעקל טראָגט ער.
דורך אַ לעבל,
פילט ער, טשמאַיע,
שיט די זאַמד זיך, — זאָגט ער...

און דאָס זעלבע ווידער...
און דאָס זעלבע ווידער...

דאָווידל דער טרוימער

ס'האָט אויף דער לאָנקע דאָווידל זיך אויסגעצויגן
און קוקט אין בלויען הימל מיט פאַרטראַכטע אויגן,
און טרוימט:

„אַ שאָד, וואָס יענע וואָלקנדלעך, וואָס ציען שטיל,
זענען נישט פון קרעם, געווירצטן מיט וואַניל...
און יענע, וועלכע רויזלען זיך פאַרטראַכט —
נישט קיין אייזקרעם, וואָס אויף סאָק פון מאַלינעס
געמאַכט...
און יענע גאָלדיקע, געפעדערטע, אָן דאָרט —
נישט קיין שטויסן טאָרט...
און ס'איז אַ שאָד אַוואַדע,
וואָס דער גאַנצער הימל איז נישט טאָרט פון שאָקאָ־
לאַדע...
ווי שיין די וועלט וואָלט דעמלט זיין, ווי וויל!
איך וואָלט, ווי איצט, פון פאַרגעניגן וועגן
אויפן פרישן גראָז זיך דאָ געלעגן,
די האַנט בלויז אויסגעצויגן זיסלעך־פויל
און געגעסן... און געגעסן... מיט אַ פולן מויל..."

ברילן

גרוינעם שרייט מיט בייזער טיינע:
„ווּ זשע זענט איר, ברילן מײַנע?"

אין די הייזן זוכט ער, טאַפּט ער,
צו די שטיוול באַלד זיך כאַפּט ער.

אין די שאַפֿעס אַלץ צעמישט ער,
אינעם שלאָפֿראָק טוט אַ נישטער.

„גוואַלד! איך קאָן זיך גאָרנישט קילן!
ווער ט׳געגאַנוועט מײַנע ברילן?"

עפּשער דאָ אויף דער קאַנאַפּע?
אונטן? זוכט און פּרייכט, און סאַפּעט!

קריכט אין אויוון, זוכט אין וואַנע,
אין אַ מויזנלאָך, אין פּיאַנע.

וויל פֿון דיל שוין רייסן ברעטער,
אין מיליציע קלינגען וועט ער.

פּלוצעם — אינעם שפּיגל איינער
שטייט אין ברילן... שטיי נאָר, שטיי נאָר...

אָט־אָ! ווייזט אַרויס זיך — וואָס?
ער אַליין דאָך טראָגט זיי אויף דער נאָז.

ווען הערשל ליגנער און זיין מומע

האָסט אַריינגעוואָרפן, הערשל, אינעם פּאָסטקעסטל דעם בריוו?

— אַ? דעם בריוו? אַוואַדע, ליבע מומע, — ענטפערט ער נאַאיוו.

— זאָגסטו נישט קיין ליגן, הערשל? ווי זיך בעסער מוידע!

— ווי די מומע איז מיר ליב! איך טראַכט נישט אויס קיין בוידעם!

— אוי, דו זאָגסט אַ ליגן, הערשל! בעסער זאָג דעם עמעס אויס!

— איך וועל זאָגן ליגן? מומע, כ'זאָג דעם עמעס בלויז!

— ס'וואַרט דער פּעטער לייבל אויפן בריוו, איז גיב דאָס וואָרט! אַזוי גלייב איך נישט!

— איך גיב דאָס וואָרט! אז איך געדענק אַלצ-דינג גענוי:

דער בריוו — צום פּעטער לייבל,
און רויט — דאָס קעסטל פון דער פּאָסט,

און דער קאָנווערט — אַזוי זיך...
אַ פּאַשטעטער... גאָר פּראָסט,
אויף אים איז אָנגעשריבן די פאַמיליע
מיט טינט און פּעדער,
און — לאַרוש, די גאַס, דער נומער,
און אויף דער מאַרקע — דער בעלוועדער,
און ווי איך וואַרף דעם בריוו אַריין,
גייט עלקעס טאַטע גראָד פאַרביי,
ס'קומט צו אַ בריוו אַריינצוּוואַרפן אויך אַן אָפּיציר,
אַ הויכער —
אַזאַ הויכער, מוז אַזש איינבייגן די קני,
און אַ טאַקסוווקע פאָרט.. אַ פּייעטאָן... מע פירט אַ קו...
אַן אויטאָבוס דאָרט טרובעט: טרו־טרו־טרו!
און ס'גייען דורך פאַרפּוצטע מיידלעך עפּעס דריי,
בעאיים איך וואַרף דעם בריוו אין פּאָסטקעסטל אַריין...

די מומע שאָקלט מיטן קאָפּ, צו אים געבויגן,
צעעפנט פון פאַרוווּנדערונג די אויגן:
— אוי, הערשל, הערשל!
זאָלסט מיר לאַנגע יאָר אין נאַכעס לעבן,
איך האָב דאָך דיר קיין בריוו אַריינצוּוואַרפן נישט גע־
געבן!...

װוּנדער און כּידוּשים

די איבערזעצונג אַ מתּנה
לייבעלע ספֿאַרד און שלוימעלע אָליצקי

איינמאָל אין אַ מיטן טאַמעז
איז אַ בלויער שניי געפֿאַלן,
הינטלעך טשווירקען אויף די צווייגן,
פֿייגל בילן אין די שטאַלן.

איבער לאָנקעס בלויע גראָזן
פֿליען קיעלעך אין דרימל,
און אַ קאַלטע זון אַ גרינע
זינגט אַראָפּ פֿון הייסן הימל.

אויף די קוויטן, אויף די בלומען
שמעטערלינגען נעסטן בויען.
אָט! דאָס אַלץ האָט עפּשער־עפּשער
צוויי מינוטעלעך געדויערט.

אָט די וועלט אַ פֿולע צויבער,
וואָס מיין בליק האָט צוגעזויגן,
האָט פֿאַר מיר אַנטפּלעקט זיך דעמלט,
ווען איך האָב פֿאַרמאַכט די אויגן.

האָב איך זיי געטאָן אַן עפּן,
איז דער צויבער גלייך אַנטרונען,
און די וועלט איך האָב, ווי פריער,
אַ געוויינלעכע געפונען.

יאָ, עס טוט זיך אַלץ און דרייט זיך
אויף אַ שטייגער אויף אַ פיינעם...
נאָר פון דעמלט אָן — אַלץ אָפטער
שליס איך צו די אויגן מיינע.

אַ טאַנץ

שפּרינגט דאָס טישל צו דעם עמער:
„ביטע, אַן אָבערעק* טאַנצן!"
פון דעם פּאַכל פּוץ דאָס קריגל:
„מיך פאַרגעסן גאָר אינגאַנצן?!"

נאָכן קריגל שפּרינגט דער טעלער,
קרייזט אַרום אין אַלע עקן,
און דער אויוון, כאָטש אַ פּוזאַק,
כאַפּט און פאָכעט מיט אַ שטעקן.

אויך דעם בעזעם אינעם ווינקל
גלוסט זיך נעבעך, נאָר ער שרעקט זיך,
טאָמער ווערט ער לויז אין טאַנצן,
און צעפּאַלט זיך, און ער עקט זיך.

ס'טאַנצט די האַק, עס טאַנצט דער קופערט,
אַז דעם בעזעם גלוסט זיך קלאָגן,
קאָן ער מער נישט איינשטיין, טאַנצט ער,
אַז עס נעמט אַ שטויב זיך טראָגן.

---

* אַ פּוילישער טאַנץ.

ווען הער טראַלאַפּינקל

די איבערזעצונג אַ מתנה
רומעלע שולשטיין

אין זינגעזאַנג, דער שטאָט דער שיינער,
אויפן געסל פריילעכווינקל,
וווינט דער זינגער דער באַרימטער
הער טראַלייבוש טראַלאַפּינקל,
מיט זיין ווייבל טראַלאַשמייבל,
מיט זיין מיידל טראַלאַשמיידל,
מיט זיין יינגל טראַלאַשמינגל,
מיט זיין הינטל טראַלאַשמינטל.
און אַ קעצל? אויך אַ קעצל,
ס'הייסט דאָס קעצל טראַלאַשמעצל.
אויסער זיי — דער פּאָפּוגייטשיק,
אַך, ווי קאָמיש! — טראַלאַשמייטשיק.

יעדן מאָרגן נאָכן פרישטיק
דאָס געזינטל אָט דאָס פיינע
זינגט צוזאַמען פאַרן מייסטער
די באַליבטע לידלעך זיינע.
ווען ס'טוט אַ הייב דאַן הער טראַלייבוש
זיין שטעקל-טראַלאַפּלעקל, ווערן
אַלע שטיל, און נאָך אַ רגע
לאָזט דער גאַנצער כאָר זיך הערן:

„טראַלאַ טראַלאַ
טראַלאַלאַלאַ
טראַלאַ טראַלאַ!"
אַזוי זיין כאָר, וואָס איז געהויבן,
טוט דעם הער טראַליבוש לויבן.
זיי טראַלאַלען, און דער מייסטער —
מיטן שטעקל היציק שמייסט ער,
זיך צעקאָכט אַליין מיט אַלע:
„טראַלאַ טראַלאַ טראַלאַלאַלאַ!"

באַלד דערהערט זיך ס'לויבליד אַוש
פון דער קיך און דעם גאַראַזש,
עס זינגען שוין פון הויז אַרויס די דינער,
און די דורכגייער אין גאַס נישט מינער:
אַ זיין שאָפער טראַלאַשמאָפער,
אַ די קעכין טראַלאַשמעכין,
אַ די באָנע טראַלאַשמאָנע,
דער גאַזעטשיק טראַלאַשמעטשיק
און דער קרעמער טראַלאַשמעמער,
דער מיליצמאַן טראַלאַשמיצמאַן
און דער ריכטער טראַלאַשמיכטער,
און דער דאָקטער טראַלאַשמאָקטער,
אויך אַפילו ס'קליינע מייזל,
ס'גרויע טראַלאַשמייזל,
כאָטש סע שרעקט זיך פאַרן קעצל,
פאַרן קעצל טראַלאַשמעצל,
האָט געזעצט זיך אין אַ ווינקל,
אינעם טונקלען טראַלאַשמינקל,
און עס פּיפּסעט שטילינק־שטילינק:
„טראַלאַ טראַלאַ טראַלאַלילינק..."

צװײ װינטן

ס'האָט אײן װינט — אױפֿן פֿעלד געהוליעט
אומגעשטילט,
אַ צװײטער װינט — אין סאָד האָט זיך אַרומגעשפּילט:
שטיל־שטילינקע, לײכט־לײכטינקע, זיך קױם גערעגט,
די בלעטער װײך געצערטלט און באַװעגט,
און אַ פֿאַרכאַלעשטער געטאָן אַ פֿאַל...

דער ערשטער װינט — אַ װינטנטרײַבער
מיט געשאַל!
ער האָט געמאַכט אַ קאָזשעלקע, זיך אױס־
געצװיגן,
אַ שפּרונג געטאָן, אַ בלאָז, אַ שװעב,
אַװעקגעפֿלױגן,
זיך אין דער הײך אַרײַנגעװירבלט, און זיך
װידער
געטאָן אַ דרײ אַראָפּ, געפֿאַלן אין דער נידער
אין שושקענדיקן, שלעפֿעריקן סאָד, װו לינד,
שטיל־שטילינקע, לײכט־לײכטינקע, זיך
קױם גערעגט
די בלעטער װײך געצערטלט און באַװעגט
עס האָט דער צװײטער װינט...

ווי שניי, דאָס בליעכץ פון די ווײַנשל טוט אַ פלי,
דער גאַנצער סאָד צעלאַכט זיך אויף אַ קאָל מיט בלי,
ס׳כאַפּט אָן דער ווינט זיין ברודער און נאָך זיך אַ צי,
און ביידע איבער פעלדער, לאַנקעס איצט זיך טראָגן,
נאָך פייגל און נאָך כמאַרעס ביידע זיי זיך יאָגן,
אַ פלאַנטע איין זיך אין אַ ווינטמיל אויף אַ היגל,
צעטומלען ראַשיק אירע שוט־עוואַטע פליגל,
אויף רעכטס, אויף לינקס, אַ סווישטש, אַ דריגע און אַ שפרונג,
אויף וויפל ס׳קלעקט נאָר קויעך בלאָזט מען אָן די לונג,
מע וואַיעוועט, צום טייוול, אָן אַ ציל!...
און אונטן אינעם סאָד איז שטיל, איז שטיל...

דאָס טייכעלע

פליסט דאָס טייכעלע, זיך שלענגלט,
ווי אַ בלישטשענדיקע סטענגע,
דאָ זיך זילבערט, דאָרט פאַרשטעקט זיך,
און אָן דאָרט אויפסניי אַנטפלעקט זיך.

לויטער ס'וואַסער — דורכצובליקן,
לויפיק, קאַלט, זיך צו אַנטציקן,
ס'איילט מיט פלויש און מיט גערוישן,
נאָר פאַרשטיין ווער קאָן זיין פלוישן?

אָט די שפראַך פאַרשטייט נישט קיינער,
סיידן דאָרט די פיש און שטיינער,
נאָר פון שווייגערס איינגעשפּאַרטע
איז דאָך גאָרנישט צו דערוואַרטן.

אַ פויגל

אַ פויגל אויף אַ צווייגל האָט געשטעלט זיך,
אַ שאַרווע מיט די פליגעלעך, צעטרעלט זיך,
דאָס שנעבעלע אין פעדערלעך פּיק־פּיק,
און ס'ביימעלע אינגאַנצן אַ צעוויג.
און באַלד אַ פלי אַוועק שוין מיט אַ טשוויר!
דאָס צווייגל, אַ צעהוידעטס, איז גערירט,
פון פרייד עס ציטערט נאָך אינגאַנצן,
וואָס ס'האָט דער אומרו עס דערפירט צו טאַנצן.

אַ שפּרייענדל

ווי פֿריילעכע מיליאָנען דריבנע, פֿייכטע מיקלעך,
ווי פֿרישענדיקע נאַסע מאַנעלעך פֿון שאַרע זעק,
זיך שיט און שפּרינגט אַ וואַסער־פּוך פֿון סיוון רעגן,
אַ ראָסע־שטויב פֿון האַרבסט און שפּרייעט אָן און עק.

עס איז אַ שוואַכינקס און אַ קליינס, אַז קוים עס שפּרינקלט,
ס'איז נישט אין שטאַנד אַ פּויק צו טאָן אַפֿילו אין אַ בלעך,
אַ יונגינק רעגנדל אַזאַ, וואָס פֿליט און פֿינטלט,
און ס'גאַרט אַן אַלטער רעגן זיין, מיט לאַנגע שטעך.

ס'וואָלט וועלן טאָן אַ כליאַפּ מיט שלאַקסרעגן דורך שטורעם,
מיט פֿליוכע־קאַנטשיקעס די שטאָט אַ שמייס טאָן אין דער
קווער,
אין רינוועס זיך צעפֿליוסקען, קאַליוזשעס צעגיסן,
און פּיקן פּאָקן אין די שויבן — יעדער פּאָק אַ טרער...

אַזוי־אָ טרוימט: דאָס נעבעכדיקע קאַפּעניש?,
מיט לעצטע קויכעס טוט עס נאָך אַ שוידערל פּאָרויס...
נאָר זע: עס פֿאָרט דאָרט אויף אַ דראָט אַ קראָפּליע איינע,
אַ וורובעל טרייסלט אָפּ זי. מיטן רעגן איז שוין אויס.

וואַרשע

זעט, ווי גרויס איז אונדזער וואַרשע!
וויפֿל הייזער, מענטשן, קינדער!
וויפֿל שטאָלץ און פֿריידן וועקט זי
אינעם האַרץ ביי אונדז אַצינדער!

וויפֿל שולן, גערטנער, פּלעצער,
רויש, באַוועגונג אין די גאַסן,
אויטאָס, קינאָס און טעאַטערס,
און שפּאַצירגענג פֿאַר די מאַסן!

אַז די אַלטע ווייסל פֿרייט זיך —
ס׳וואַקסט די הויפּטשטאָט מיט דער צייט:
זי געדענקט זי נאָך אַ קליינע,
היינט איז זי שוין גאָר אַ לייט.

אויפֿישע פֿליאַטקעס

דאָס גענדזל מיט דער קאַטשקע האָבן זיסלעך
באַרעדט די הון פֿאַר אירע מיסע פֿיסלעך.

די הון האָט מיט דער אינדיטשקע דער נעטער
באַרעדט דער קאַטשקעס פֿעדערן, און שפּעטער

די קאַטשקע פֿאַר דער פֿערלהון האָט נאָבל
באַרעדט דער אינדיטשקעס פֿאַסקודנע שנאָבל.

אַ קאַטשקע האָט דער צווייט'ער אויסגעקוואַטשעט,
וואָס וועגן איר עס האָט די גאַנדז געגאַטשעט.

דערויף געענטפֿערט האָט די גאַנדז: — די קאַטשקע?
אַ גאַנעווטע, אַ זויפֿערקע אַ פּראַטשקע!

און ס'זאָגט די פֿערלהון: — ס'איז בלויז צום לאַכן —
די אינדיטשקע, זי ווייסט בלויז פֿליאַטקעס מאַכן.

אַצינדער גייט אַ גרויס געשלעג אינמיטן הויף,
אַז בונטע פֿעדערלעך זיך טראָגן העט אַרויף.

דער פאַרשפּעטיקטער סאָלאָוויי

ס'וויינט די פּאַני סאָלאָוויי אין נעסט אויף דער אַקאַציע,
ווייל עס האָט פּאַן סאָלאָוויי פּאַר ניין געזאָלט זיך ווייזן,
טאָמער איז ער פּינקטלעך דאָך צו קומען צו „קאָלאַציע"*,
איצטער איז נאָך צען שוין — שטאַרקער דאַרף מען זיין פון
אייזן!

אַלץ ווערט קאַלט: די פליגן־זופּ, געקאַכט אויף אונט־ראָסע,
זעקס געפּילטע קאָמאַרעס אין סאָס פון גלעקל־בלימלעך,
אַ געבראָטן פלאַטערל, באַווירצט מיט וועלדל־שאָטן,
און אויף דעסערט — טאָרט פון ווינטל אין לעוואָנע־שימער.

עפּשער איז אים וואָס געשען? ס'האָט ווער געמאַכט
אַ גראַנדע?
פעדערלעך געפּליקט, דאָס שטימעלע אַוועקגענומען?
ס'איז פון קינע! ס'איז די אַרבעט פון דער לאַרכן־באַנדע!
פעדערלעך — נו, מילא, נאָר די שטים — וועט צריק נישט
קומען!

פּלוצעם זיך באַווייזט פּאַן סאָלאָוויי, ער פּייפט זיך אונטער...
— ווו געפלויגן? ווו געשוועבט, ווען איך דאָ זיץ אין
טרערן?! —
צוויטשערט זיס פּאַן סאָלאָוויי: „זיי מויכל, גאָלד, דער אונטן
איז אַזוי מין שיין, אַז כ'בין צופוס געגאַנגען גערן!"

---

* נאַכטמעסן.

אַ פֿייגלשער ראַדיאָ

האַלאָ, האַלאָ! דער פֿייגלשער ראַדיאָ אין בערקנוואַלד
ווייסן

גיט אָן אן אודיציע פֿון פֿייגלשע נייסן,
איז ביטע, שטעלט איטלעכער דעם אַפּאַראַט אָן,
באַלד הייבט ביי די פֿייגל זיך אָן אַ באַראַטונג:

ערשטנס — וועגן אויסגעפֿינען,
ווער עס פּישטשעט אינעם גראָז באַגינען?
צווייטנס — ווו אין וואַלד
דער עכאָ זיך באַהאַלט?
דריטנס — ווער גענוי
דאַרף באָרן זיך דער ערשטער אינעם טוי?
פֿערטנס — וויאַזוי,
לויט וואָס דערגיין,
ווער א פֿויגל איז? ווער ניין?

און פֿון צייט צו צייט עס וועלן
פֿאָלגנדיקע פֿייגל טרעלן,
צוויטשען, סוויסטשען, טשווירטשווירטשווירקען,
פּיפּסען, פּישטשען, טשירטשירטשירקען:

קוקו, טרילער, סאָלאָוויטשיק,
גימפּל, שוועלבל, וואָראָבייטשיק,
סאָווע, שטיגליץ, אָריאָל,
דראָסל, פּיקהאָלץ, לאַרך און קראָ,

באַטשאַן, טשוב־לאַרך, פּינק און שטאַר,
קאַטשקע, גאַנדז, גאָלדאַמער, האָן,
הודל־פויגל, ווײַבײַ,
ווי נאָך פייגל אַלערלײַ.

ערשטער — סאָלאָוויי.
אַזוי הייבט אָן ער מיט כּאַזאַנישן געדריי:
„האַלאָ! אָ, האַלאָ לאָ לאָ לאָ!
דאָ דאָ דאָ דאָ דאָ דאָ
ראָדיאָ, ראָדי־יאָ, די־יאָ, אי־יאָ, אי־יאָ,
טרי־אָ, טרי־יאָ, ליו ליו ליו ליו,
פּיאָ פּיאָ פּי־יאָ ליאָ ליאָ ליאָ ליאָ ליאָ
פּליאָ פּליאָ פּליאָ פּליאָ האַלאָ!"

דערוויף דער וואָראָבײַ נעמט טרילן:
„וואָס איז דאָס, כ'בעט אייך, פאַר אַ שפּילן?
דעם סאָלאָווייס געזינגעכץ צו באַנעמען,
מוז איך צו אַ ווערטער־בוך זיך נעמען.

טשוויר טשוויר שווירק!
שוויר שוויר טשווירק!
דאָ איז קיין טעאַטער נישט,
קיין צירק!
קוקט אים אָן! זיך אָנגעפּערעדט! הערט —
קיעפּורקע* גיט דאָ אָפּ קאָנצערט!
גענוג די אַריעס שוין, גענוג שוין אָט די ליריק!
טשוויר טשוויר טשיריק,
טשיר טשיר טשוויריק!"

און אַזוי ער טשירקעט, טשיטשיריקעט,
טשווירקעט, טשווערקעט, טשוויקעט,

* קיעפּורא — באַרימטער פּוילישער זינגער.

אַזש דער האָן, פֿון צאָרן רויט,
„קוקורוקו!" זיך צעקרייעט אויפֿן פּלויט.
דאָס דערהערט, דער קוקו גוואַלדעוועט פֿון אָרט:
„דאָס מיט יענעם ווי זיך פּאָרט?
קוקו־ריקו? קוקו־ריקו? שטיי נאָר —
איך דערלויב נישט, רויבער איינער!
וואָס דיר גלוסט זיך, נעם זיך, כ'קאַרג נישט, ביטע,
נאָר מיין קוקו ריר נישט, ניטע,
ריקו — כאַטש ביז מאָרגן קריי!
אָבער קוקו איז מיין אייגנס — שטיי!"
און ער קוקעט: „קוקו! קוקו!"

קלאַפּט דערויף דער פּיקהאָלץ: טוקו! פּוקו!
שרייט דער קיבעץ: „ווער ביסטו, נאַסער?
געטרונקען שוין? פֿאַרלאָז דאָס וואַסער!"
און דאָס וואַכטל: „קום נאָר! פֿלי נאָר!
האָסט וואָס? וואַרף נאָר! וואַרף נאָר! גיי נאָר!"
און עס נעמען טייקעף אַלע פֿייגל שרייען
מיט געטומל, פֿלוידער, צווּיטשערייען:
„ברענג מיר! גיב מיר! האָסט אַ צווערל?
פֿעדער? שפּענדל? קאָריק? קערל?
פֿלי נאָר! וואַרף נאָר! מיר אַ צוויקל, דיר אַ צוויקל!
כ'קלעפּ אַ נעסט, קלעפּ צו אַ שטיקל!
קוק נאָר אָן אים! מיינס! דו פֿלוידער!
אַ נעסטל כ'בוי דיר, בוי דיר, בוי דיר!
אַזוי? דו גיסט נישט? מעגסט זיך שעמען!"
און אַלע פֿייגל זיך שלאָגן נעמען.
קומט אָן צו פֿליען די פֿייגל־פּאָליציע
און אַזוי ענדיקט זיך די וואַלד־אודיציע.

אַ קעצעלע

אַ קעצעלע מיאַוקעט: מיאַו!*
— וואָס'טו, קעצעלע געהאַט?
— געהאַט אַ שיסעלע מיט מילך,
איצט איז ליידיק שוין דאָס שיסעלע,
און ס'גלוסט זיך נאָך אַ ביסעלע.

זיפֿצט דאָס קעצעלע: אָ־אָ!
— וואָס איז, קעצעלע, דיר, וואָס?
— מיר געכאַלעמט זיך אַ טייכל,
פֿול מיט מילך, אַ מייכל,
פֿול אָוש ביזן דנאָ.

דאָס קעצל פּישטשעט: פּי־י־י!**
— כליפּטשע, קעצעלע, צי־צי!
...ס'קעצעלע פֿאַרקנוילט דאָס עקעלע,
שליסט די אייגעלעך אַלץ מידער,
שלאָפֿט און — כליפּטשעט מילך,
ווייל עס כאָלעמט זיך דעם ווידער.

---

* אויף פּויליש „מיאַל“: געהאַט.
** אויף פּויליש „פּיטש“: טרינקען.

אין ערעפּלאַן

סע האָט געהאַט די באָבע מינדל
אַ הון, אַ גאָלדנפּעדער־הינדל.
דער גאַנצער הויף דערמיט איז פֿול —
אַ פּריילעכס, נאָר אַ ביסל דול.

האָט איינמאָל ס׳הינדל בעכיפּאָזן
פֿון הייפּל זיך אַוועקגעלאָזן:
די באָבע דרעפּטשעט נאָך. „בלייב שטיין!״
זי שרייט צו דעם. — איך וויל נישט, ניין!

און ס׳איז געווען נישט ווייט פֿונדאַנען
אַ פּליפּלאַץ מיט אעראָפּלאַנען,
דאָס הינדל איז אַהין פֿאַרגאַן
און האָט דערזען — אַן ערעפּלאַן,
און ווייל עס האָט גאָר אָפּט געשפּרונגען,
אַ שפּרונג אויף אים, און ס׳איז געלונגען.

מאַכט אויך די באָבע האָפּ! אַ פּלי,
און אויפֿן ערעפּלאַן אויך זי.
זיי הייבן אָן זיך רייסן, פּיקן,
זיך וואַרפֿן, שטויסן, גראַבלען, פּליקן,

זיך כאַפּן, שאַרפּע פֿאַר די ריגלען,
בײַם פּראָפּעלער, בײַ די פֿליגלען,
ביז פֿון דעם דרענגען — מיטאַמאָל
סע טוט אַ הודזשע דער מאָטאָר,
און ס'דרייט זיך, דרייט זיך דער פּראָפּעלער,
דעם עראָפּלאַן טראָגט העכער, שנעלער.

די הון — קוואָד!, די באָבע: „הון,
וואָס גייט דאָ פֿאָר? וואָס דאַרף מען טון?"
די באָבע שרייט, דאָס הינדל פּישטשעט,
און ער מאַכט קאָזשעלקעס און סווישטשעט!
די באָבע וויינט, דאָס הינדל — קוואָק!
און ער — שפּרונג־שפּרונג און שאָקל־שאָק,
און טראָגט אַלץ העכער, ווי ער קאָן עס:
האָגאָס די באָבע בעט ראַכמאָנעס,
כאָטש ס'פּיקט דאָס הינדל דעם מאָטאָר
און דראַפּעט רעדלער, קראַצט דעם שטאָל,
דער עראָפּלאַן אַלץ פֿלינקער, העכער,
אַ־לײַן דרייסטער מאַכט אין הימל לעכער.

און ווען געכאַפּט אַ קוק אַרונטער,
דערזעען זיי גאָר גרויסע וווּנדער:
הויכע בערגער — ווי קופּקעלעך, פֿון זאַמד צונויפֿגעשאַרטע,
הויכע ביימער — ווי קוסטעלעך מיזערנע, צאַרטע,
טייכן — זילבער־סטענגעס דינע,
לאָנקעס — טיכלעך גרינע.
הייזער — קוביקעס פֿאַר קינדערלעך צו שפּילן זיך אין פֿריידן,
פֿעלדער — קעסטעלעך, געמאָלענע פֿאַרשיידן,
אָזיערעס — וואַזאָנעס,
און ווי רויפֿן — קריכן קייטן פֿון וואַגאָנעס,

װי מוראַשקעס — די מענטשן זעען אױס,
ביימעס — װי גאָטס קיעלעך די גרײס,
און הינער זעט מען נישט, כאָטש קוק זיך אױס די אױגן.
זײ הײבן אינדערהייך ארויף די אויגן —
װאָס זעען זײ? די כמאַרעס? נישט געשטויגן
נישט געפלויגן!

די כמאַרעס אונטער זײ זיך קנײלן
און גאָר די ערד פֿאַר זײ פֿאַרהײלן.

„אַך, באָבע, — שרײט די הון — די װעלט
האָט אויפֿן קאָפּ אַפֿנים זיך געשטעלט!"
װי דאָ האָט זיך פֿאַר זײ געיאָװעט
אין הימל די לעװאָנע גרױס,
אַװאַדע אַ מאָל הונדערט גרעסער
װי אויף דער ערדקויל זעט זי אויס.
זי האָט אַן אײנציק אויג פֿאַרמרױשעט,
און מיטן צװייטן קוקט זי בײז אַ גרױל,
זי עפֿנט װי אַ פֿענצטער אויף דאָס מויל —
אָט־אָט דעם עראָפּלאַן פֿאַרשלינגט זי מיט געהויל!
נאָר ס'טוט די באָבע דאָ אַ לויף,
אַ שפּרונג און — כאַפּט זיך פּלוצעם אויף.
זי קוקט — ס'איז אומעטום אַן אָרדנונג,
און קײן שום בײז דאָ קומט נישט פֿאָר,
סע זיצט דאָס הינדל אויפֿן פּלײטל
און פֿון דער באָבען לאַכט און גאָר.

דער העלפאַנט טראָמבעסער

פונעם איבערזעצער א מתנה
מ׳יישעלע און רייזעלע אָליצקי

איז געווען אַמאָל אַ העלפאַנט
אַ גרויסער — ווי אַ העלפאַנט.

געהייסן האָט דער העלפאַנט
פּיוויש טראָמבעסער.

אַלץ, וואָס ער געהאַט האָט,
איז געווען ווי ביי אַ העלפאַנט!

נאָר ער איז געוועזן
אַ שרעקלעכער פאַרגעסער.

האָט געהאַט אַ העלפאַנט־קאָפּ, נישט קלענער און נישט גרעסער,
העלפאַנטענע פיס, און ציין
פון העלפאַנטביין פון וואָרן,
און אַ טראָמבע, וואָס ער דריידלט מיט איר מאָלע־כיין,
העלפאַנדיש אַלצדינג — אויסער דעם זיקאָרן.

ער פאַרבעט קאָלעגן העלפאַנטן אַשטייגער
אויף קאָרטן: — קומט האַלב פיר אַזייגער.

זיי קומען. ווו האָט פּיוויש זיך פֿאַרבאָרגן?
„קאָלעגע, — ריטשען זיי — גוט מאָרגן!"
נאָר קיינער ענטפֿערט נישט, נישטאָ טראָמבעסער.
אַוועקגעגאַן! פֿאַרגעסן!
ער האָט געזאָלט היינט קומען צו דער הערשאַפֿט
קראָקאָדילוס
אויף אַ גלעזל וואַסער פֿונעם נילוס —
פֿאַרגעסן! נישט געקומען! ביי דער הערשאַפֿט שטיל איז.

ער האָט צוויי העלפֿאַנטעלעך קליינע,
אַ ליבלעך יינגעלע, אַ מיידעלע אַ שיינע.
ליבט זיי זייער, טוט מיט זיי זיך גרייסן,
אָבער ער פֿאַרגעסט קעסיידער ווי זיי הייסן.
ס'הייסט דאָס יינגעלע „ווייס־ציינדל",
און דער טאַטע רופֿט עס: „טראָמבע־כיינדל!"
דער נאָמען פֿונעם מיידעלע איז „איידל־זיסל",
און דער טאַטע רופֿט עס: „דיקע־פּיסל!"

אַפֿילו אין אייגענעם נאָמען זיינעם,
ביים פֿאָרשטעלן זיך פֿאַר אַ גאַסט, אַ פֿיינעם,
מאַכט אָפֿט אַ טאָעס פּיוויש טראָמבעסער
און זאָגט: „איך בין פֿעלענע פּעסער".
אַ ווייב האָט ער — פֿאַר זעקס ווייבער גרעסער!
(נאָר באַניע — איר נאָמען פֿאַרגעסט דער פֿאַרגעסער).
איז איינמאָל דאָס ווייבל געטריי אים געוואָרן:
„צום דאָקטאָר גיי. זאָל ער באַטראַכטן דיין שוואַכן זיקאָרן
און אויסהיילן אים אויף די עלטערע יאָרן!"

איז טייקעף — צו אַן אדוואָקאַט זיך יאָגט ער,

שפּעטער צו אַ שוסטער, אַ נאָטאַריוס זיך דערשלאָגט ער,
און אומעטום, אַז: — ער געדענקט נישט! — זאָגט ער.

„כ'האָב גוט עס געוווּסט, נאָר פאַרגעסן עס; הערן!
ווייסט עפּשער עמעץ פון אייך מיין באַגערן?"

ער שלעפּט, דרייט אַרום זיך, ס'איז שפּעט שוין, ס'ווערט שפּעטער,
ביז אין אַ קוזניע אַ קאָוואַל דערזעט ער.
ווי ס'נעמט אים נאָר יענער אונטערצוקאָווען — געוואָרן
איז אַלדאָס פאַרגעסענע קלאָר אין זיקאָרן.
דער קאָוואַל באַטראַכט אים גענוי און גענייער,
נאַבלאָזט מיטן בלאָזזאַק, און קוקט אים אין האַלדז און אין אויער,
קלאַפּט אויס אים מיט קאָוואַלשן האַמער דעם שווערן,
און זאָגט: „הער טראָמבעסער, ס'איז איבריק דאָס קלערן!
יעדן טאָג אויפן קאָפּ דיר אַ קובעל מיט וואַסער
און מאַכן אַ קנופּ אויף דער טראָמבע דער נאַסער".
און כליאַפּ אים מיט וואַסער גלייך אויף דער גאָמבע!
אַ רעגע — שוין פאַרטיק אַ קנופּ אויף דער טראָמבע!

מיט אימפּעט לויפט פּיוויש אַהיים און איז מאָלע־געדולע.
דאָס ווייב אויף אַ קאָל: „וואָס איז דאָס?"
— אַ סגולע!
— צו וואָס?
— צום געדענקען!
— וואָס?
— איך וויל עסן...
— וואָס ווילסטו?
— המם... ווייס איך? כ'האָב שוין פאַרגעסן!

הער שרעטל און דער וואַלפיש

הער שרעטל איז געווען דער קלענסטער
אויף גאָר דער גרויסער וועלט מיסטאַם.
ט'מיט אַלץ באַקענט זיך, אַלץ געזען שוין,
כּוץ וואַלפישן אין בלויען יאַם.

הער שרעטל איז געווען אַ פּיצלס,
אָט ווי אַ קאַווע מאָנטשיק-קליין,
און אויסער דעם אַן אָפּטער וועגמאַן,
וואָס וויל אין לעבן אַלץ דערגיין.

עס איז דעריבער נישט קיין כידעש,
וואָס ער, הער שרעטל, גאַרט דעם ריז
דעם וואַלפיש כאָטשבי אָנצוקוקן —
אויף אונדזער וועלט דער גרעסטער פיש.

זיך קלייבנדיק אויף נייע רייזעס,
הער שרעטל האָט אין ליטער פרייד
פון שאָלעכץ פון אַ נוס אַ האַלבן
פאַר זיך אַ שיפל צוגעגרייט.

האָט מיטגענומען אַ פּלאַטקע,
אַ זעקל שפּייז, אַ פעסל וויין,

א ראָווער, אַלערליי געציינג, —
דאָס אַלץ אין שיפּעלע אַריין.

מיט וואַטע, אַז סע זאָל אים ווייך זיין,
בעט אויס ער פֿיין דעם שיפֿלס שויס,
און פֿון א שוועבעלע אַן איינציקס
פֿיר וועסלעס פֿעסטע שניצט ער אויס.

אַ גראַמאָפאָנדל און אַ ביקסל,
אַ קעסטל קוילן, אַ האַרמאַט,
אַ ראַדיאָ, וועשצייג און מאַלבושים —
דאָס אַלץ אין שאָלעכץ ער באַשטאַט.

ווייל אַלץ געווען איז פּיצינק, נאָנצינק,
נו, מאַמעש פּיצימאָנטשינק־קליין,
ווייל ס׳איז אַ מענטשל־פּיציניוניע
געווען דער שרעטל דאָך אַליין.

ער נעמט דאָס שיפֿל אונטער אָרעם
און אויף אַ פּלאַטער־עראָפּלאַן
אַ זעץ זיך אויף, אַ זאָג: „קיין גדיניע!"
אַ שאָ, — שוין דאָ! צום ים אַ שפּאַן.

ער האָט זיך אויפֿן פּאָרט געמאָלדן
צום ערשטן בעסטן קאַפּיטאַן:
— איז אויפֿן ים פֿאַר מיר אַן אָרט דאָ?
— ס׳וועט קלעקן. ביטע, בראַווער מאַן!

דער שרעטל האָט זיך אויף אַ כוואַליע
געלאָזן דרייסט אָן שום פֿאַרהאַלט
און איז געשוווּמען און געשוווּמען
אַלץ ווייטער, ווייטער, אַזש אַ גוואַלד.

דער יאַם איז שטיל און פול מענוכע,
איז גלאַטיק ווי אַ טאַפליע גלאָז,
קיין וואַלפיש אָבער זעט מען אַלץ נישט,
מע זעט נישט עפעס, פרעגט — פאַרוואָס?

ער רודערט מיט א וועסלע איינער,
מיט צוויי, מיט דריי, מיט אַלע פיר...
צוויי וואָכן שווימט ער שוין אַזוי זיך —
קיין וואַלפיש טוט זיך נישט קיין ריר.

ער רופט אים: „טשיפ־טשיפ, וואַלפיש־פישל!
וו ביסטו, פישל־פישעניוניע?
באַווייז פאַר מיר זיך כאָטש אַ ביסל,
אַ ביסל כאָטש, אַ ביסעניוניע..."

ער שווימט אַזוי שוין צוויי כאַדאָשים,
דער וואַלפיש — ווי אַריין אין וואַסער!
ביז עפּטערס הייבט ער אָן צו דרימלען,
פאַרמאַטערט נעבעך און אַ בלאַסער.

מיט סאַראַ נאַכעס וואָלט ער ענדלעך
אויף פעסטן לאַנד זיך אויסגעשלאָפן!
ביז איינמאָל האָט ער אום באַגינען
אַן אינדזל עפעס אָנגעטראָפן.

און מיט שיפעלע געאַרעמט
צום אינדזל לאָזט ער זיך דעם לערן
אויף אָפּרו און צוריק צו פאָרן:
„נישטאָ אים, איז נישטאָ קיין ברייירע".

ער איז געפאָרן אויפן ראָווער,
דאָס גאַנצע אינדזל דורכגעפלאַטערט,

דריי טעג אַרומגערייזט קעסיידער
און אומגעקערט זיך שטאַרק פאַרמאַטערט.

ערשט דרייט ער אָן דאָס גראַמאָפאָנדל,
טרינקט אויס, און זינגט, און טאַנצט, פאַרשפּילט זיך,
ער שיסט אַ קאָמאָר פון האַרמאַטל
און טוט אַ גענעץ — שלאָפן ווילט זיך.

איז דאַרף מען שטעלן די פאַלאַטקע.
ער טוט אַ שטעל זיך אויף די פיס
און נעמט אין באָדן שלאָגן טשוועקעס,
ווי פּלוצעם — ס'אינדזל... טוט אַ ניס!!!

אַ ניס און גלייך נאָך דעם אַ ריטשע:
— ווער פּראָוועט עס אַזעלכע שטיק?
ווער האָט דערוועגט זיך עס מיט טשוועקעס
אין נאָז דעם וואַלפיש טאָן אַ פּיק?!

— דער וואַלפיש ענדלעך? אוי! — הער שרעטל
אויף קוילע־קוילעס זיך צעשרייט.
— ס'איז נישט דער וואַלפיש, שוויטע, שוויטע —
זיין נאָז בלויז פון דער לינקער זייט.

פאַרשטייסט? איך ליג אין וואַסער אונטן.
דו פריי זיך, וואָס ביסט גאַנץ אַרויס!
— און ס'אינדזל? — וואָסער אינדזל ווידער?
ס'איז פון מיין נאָז אַ שפּיצל בלויז.

הער שרעטל האָט געטאָן אַ שוידער.
— ווער קיצלט עס מיר דאָרט? איך פרעג.
— איך קיצל נישט, איך שוידער, שוידער —
דיך אָנצוקוקן איז אַ שרעק!

ער כאַפּט דאָס שיפל אונטער אָרעם
און שפּרינגט אין ים אַריין געשיקט,
ער שווימט געאײַלט אַוועק קיין גדיניע
און קומט קיין וואַרשע אָן צוריק.

אַצינד ווען עמעץ פרעגט אַמאָל אים:
— דעם וואַלפיש האָסטו ווען געזען? —
פאַררייסט ער שטאָלץ דאָס ברויזל-נעזל
און ענטפערט יענעם: „נו, ווי דען!...”

אַבולקאַסים לאַהוטי

אושום

אַנגור

ענאַב

אָדער

רייזע-חברים

קומט, ליבע מענטשן, לייט פון שטעט און דערפער,
אַן אלטן-אַלטן מיזרעך-משל הערן,
ער האָט אין זיך אַזאַ מין כאָכמע,
וואָס איך אַ גלאָמפּ פון איר ועט קלוגער ווערן.
ע נ א ב, א נ ג ו ר, א ו ש ו ם עס הייסט די מייסע,
וואָס כ'נעם פאַר אייך דערציילן איצטער גערן.

אין בייזן מידבער, אין אַ טאָג אַ הייסן,
באַגעגנען זיך דריי רייזנדער; זיי זענען
פאַרשידן לויטן אָפּשטאַם און דעם לאָשן...
זיי האָבן קוים דערשלעפּט די פיס, וואָס ברענען,
ווייל ס'האָט די היץ נישט אויפגעהערט זיי פּלאָגן...
זיי זעצן זיך און נעמען וויינען, קלאָגן.

א ו ש ו ם ! — טוט שטיל דער בידנע טערק אַ מורמל.
א נ ג ו ר ! — זאָגט פרום דער פּערס, ווי ס'דאַווענט איינער.
ע נ א ב ! — צעהעשעט הויך זיך דער אַראַבער,
נאָר וואָס דער צווייטער רעדט, עס ווייסט נישט קיינער.

און ווי אין מידבער ווײַנענדיק זיי זיצן,
אַ גאַזלען זיי דערזעט מיט אויגן — בליצן.
„זיי זשיפּיען קוים, — ער טראַכט — נאָר כאָטש זיי זענען
פאַרשמאַכט און אומבאַהאָלפן, פאָרט: איך — איינער,
זיי — דריי... איז אויב איך וועל זיי גלייך באַפאַלן,
זיי קענען לייכט מיר אָנברעכן די ביינער...
זיי מוזן ווערן צווישן זיך צעריסן!
פון זייער קריגערײַ וועל איך געניסן".

און ס'זאָגט דער גאַזלען: — הערט שוין אויף צו וויינען!
צו העשען! כ'וועל עס ברענגען אייך אויף זיכער —
נאָר איינס בלויז פון די דריי. קלײַבט אויס, וואָס ווילט איר!
א ו ש ו ם ? א נ ג ו ר ? ע נ א ב ? נו ביטע, זאָגט מיר גיכער!
עס וועלן צווײַ נישט קריגן גאָרנישט — ביטער!
דערפאַר וועט זיך מעכייע זײַן — דער דריטער.

— א נ ג ו ר ! — צעוואָיעט זיך דער פּערס אָן זינען.
— א ו ש ו ם ! — צעשרייט דער טערק זיך בייז, פאַרביסן.
— ע נ א ב ! — שרייט בלוטיק־זשעדנע דער אַראַבער.
עס שלאָגט דער פּערס דעם טערק, און דער אַראַבער —
דעם פּערס, און אים — דער טערק... ביז בלוט נעמט פליסן.
פון דעם געשלעג דער גאַזלען האָט געוווּנען —
געכאַפּט די פּעקלעך זייערע, אַנטרונען.

און ס'גייט פאַרביי גראָד מיטן זעלבן וועג דאָ
אַ פיינער מאַן מיט ערלעכע באַגערן,
און טוט אַ זאָג: — כ'וואָלט בעטן, מיר דערקלערן,
פאַרוואָס האָט אויסגעבראָכן דאָס געשלעג דאָ?
— ע נ אַ ב ! אַ נ ג ו ר ! אַ ו ש ו ם ! — אין כאָר, אינדרייען,
דער פּערס, דער טערק און דער אַראַבער שרייען.

צעשמייכלט זיך דער דורכגייער: — ווי גערן
כ'וואָלט וועלן, איר זאָלט, שכנים, שאָלעם ווערן!
(דער כאָכעם האָט פאַרשטאַנען פיל לעשוינעס).
ער בלאָזט פון וועגטאַש זיינעם אָפּ די שטויבן,
און נעמט אַרויס אַ פּרעכטיק הענגל טרויבן,
און שענקט עס זיי... זיי קוקן און זיי שטוינען.

— ע נ אַ ב ! — זאָגט פלוצעם דער אַראַבער פריילעך.
— אַ ו ש ו ם ! — שרייט אויס דער טערק, פון גליק אויש זיפצט
ער.
— אַ נ ג ו ר ! — צעשרייט זיך אויף אַ קאָל דער פּערס און
יובלט.
דאָ ס אייגענע, זיי כאַפּן זיך ערשט איצטער,
געוועדט דאָך האָבן זייערע לעשוינעס,
דער סוינע האָט פאַרפירט זיי, אָפּגעליגנערט,
געהעצט זיי צו געשלעג, געמאַכט אַ גענעם.
זיי פון אַ שווערן שלאָף אַרויסגעריסן,
זיי האָבן אים באַדאַנקט, דעם כאָכעם יענעם.

*

אַמאָל אין ר ו ס ל אַ נ ד האָבן הונדערט פעלקער
געלעבט אָן רעכט, אין דאַלעס, העצערייען,

און שטיל־געהיים, צעשיידטערהייט, געכאַלעמט,
וואָס גיכער פונעם יאָך זיך צו באַפרייען,
בעשותפעס — זייער גורל און געפילן,
בעשותפעס — צו דער פרייהייט זייער ווילן.

יאָרהונדערטער פאַרפירטע, פלעגן פעלקער
פאַרלאַכטנדיק זיך איינס פון צווייטן שפּאַסן,
ס'האָט דער טורקמען פון דעם אוזבעק געכויזעקט,
און דעם טורקמענער דער טאַדזשיק פלעגט האסן,
און דעם אַרמענער וואָלט דער טיורק צעשניידן:
„נאָר אים צו דאַנקען מוז איך טאָמיד ליידן".
און ס'איז געקומען לענין — פאַר מיליאָנען
דעם וועג פון גליק און עמעס האָט געוויזן,
און סטאַלין האָט די פעלקער אויסגעלייזטע
פאַראייניקט אין א ברודערשאפט פון ריזן
אַנטקעגן קויכעס פיינטלעכע, און בייזע.
די פריינד פאַרשידנשפּראַכיקע זיך פילן
געאייניקט אינעם גייסט און אין די צילן.
זיי האָבן ענדלעך שוין דערקאַנט — באַפרייטע —
דאָס וואָרט פון עמעס און דעם זין פון לעבן,
און זיי געניסן פון די זיסע פרוכטן,
וואָס ס'האָט דער בוים פון פריינדשאַפט זיי געגעבן.
און קיין שום פיינט, וואָס העצט מיט ליגן פרעכן,
וועט קיינמאָל נישט די ברודערשאַפט צעברעכן.

אינהאַלט

אַלע פֿאַר אַלעמען
אַ טיש
דער לאָקאָמאָטיוו
אַ שנאָל
באַמבאָלע
דאָס שפּרינגשטריקל
אַ בריוו צו די קינדער
גאָרטנוואַרג
דער ריטער שריימאַן
שיינדל־אַליינדל
גאַבריש
גייט זיך טשמאַיע
דאָווידל דער טרוימער
ברילן
וועגן הערשל ליגנער און זיין מומע
וואונדער און כידושים
אַ טאַנץ
וועגן דער טראַלאַפּינקל
צוויי וויכטן
דאָס טייכעלע
אַ פֿויגל
אַ שפּרייערעגנדל
וואַרשע
אויפֿישע פּליאָטקעס
דער פֿאַרשפּעטיקטער סאָלאָוויי
אַ פֿייגלשער ראַדיאָ
אַ קעצעלע
אין עראָפּלאַן
דער העלפֿאַנט טראָמבעסער
הער שרעטל און דער וואַלפֿיש
אושום אנגור ענאב

Julian Tuwim dla dzieci

W przekładzie L. OLICKIEGO

W PIERWSZĄ ROCZNICĘ ŚMIERCI POETY

WYDAWNICTWO
„IDISZ BUCH"
WARSZAWA